UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Sheferishe Yorn (In Vilner Lerer-Seminar) / Creative Years (In the Vilna Teachers Seminary)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1v98m1sm

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Shifra Crystalke, Shifre Krishtalke /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

שפרה קרישטאַלקע / מאָנטרעאַל

# שעפערישע יאָרן

ליבער לערער־חבר אברהם גאָלאָמב:

איך באַגריס אייך צו אייער און אונדזער אַלעמענס גרויסן יום־טוב, צו דעם געבוירן־טאָג פון, קיין עין הרע, ניינציק יאָר יונג ווערן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָרן שעפערישע, יאָרן פון וווּנדערבאַרער אַרבעט, פון לערנען, מונטערן, וועקן, מוסרן אייער און אונדזער פאָלק צו די ברייטערע, ברענענדיקע פּראָבלעמען פון ידישקייט בכלל און ידיש קיום בפרט.

אייער איצטיקער געבוירן־טאָג איז גאָר אַ גרויסער יום־טוב ביי מיר, אייער תלמידה פון יידישן ווילנער לערער־סעמינאַר, ווו איר, אַלס דירעקטאָר, אומדערמידלעכער, איבערגעגעבענער לערער, דערציער און גייסטיקר פירער, צוזאַמען מיט אונדזערע אַנדערע חברים־לערערס, האָבן אין אונדז איינגעפלאַנצט ליבשאַפט צו אונדזער נאַציאָנאַלער וועלטלעכער קולטור. צוגלייך מיטן געפיל פון נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, האָט איר אין אונדז געוועקט דאָס געפיל פון אינטערנאַציאָנאַלער מענטשלעכער אַחדות, אַן אַקטיוון אינטערעס פאַר די פּראָבלעמען פון דער אַרומיקער וועלט און באַזונדערס פאַר אונדזער יידישער ווירקלעכקייט.

מיט אַלע כּוחות האָט איר, און די אַנדערע חברים־לערערס, געשטרעבט צו דערציען אונדז ווי פרייע קריטיש־באַוווּסטזיניקע מענטשן, מיט אַ פעסטן ווילן, זעלבסט־ערע, צוגלייך מיט אַ געפיל פאַר קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן זיך און צוזאַמען־אַרבעט.

ווי אמתע איבערגעגעבענע חברים, האָבן מיר סעמינאַריסטן געזאָרגט איינער פאַרן אַנדערן. מיר זיינען געווען ווי איין גרויסע משפחה, און דער לערער־סעמינאַר איז געווען אונדזער היים.

אָט די גייסטיקע שעפערישקייט און דאָס קאָלעקטיווע געמיינזאַמע צוזאַמענלעבן האָבן טאַקע די הונדערטער סעמינאַריסטן־לערערס צעטראָגן איבער שטעט און שטעטלעך אין די יידישע שולן פון פוילן.

און די האַרמאָנישע צוזאַמען־אַרבעט פון לערער, קינד און עלטערן, האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

איצט, ביי דעם אַזוי פאַרדינטן גרויסן יום־טוב לכבוד אייך, דעם אַרכיטעקט פון דעם פינף־יאָריקן קורס פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע, וואָלט זיך אַזוי געוואָלט אַריבערטראָגן און אַריינלעבן זיך און נאָך אַמאָל איבערלעבן יענע טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן, סיי צווישן די אינעווייניקסטע ווענט פון סעמינאַר־לעבן און סיי אין די דערציערישע פּעדאַגאָגישע, מעטאָדישע אַקטיווּיטעטן אויסער די ווענט פון סעמינאַר.

די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגס עקסקורסיעס, די פאָרשונג־עקספּעדיציעס ביי דער נאַראָטש אָזיערע פון די דריטע קורסן, זומער־צייט, נאָכן שליסן זיך פון די לימודים אין סעמינאַר; דאָס דערלעבן מיט די קינדער צוזאַמען די געגנט און לאַנדשאַפט פון ווילנע און אומגעגנט, לערנענדיק אַזוי איר געשיכטע און געאָגראַפיע דירעקט פון מקור, פון דער נאַטור אַרום גופא.

היינט די עקסקורסיעס פאַר פאַרגעניגן וועגן: אויפן שלאָס־באַרג, אָדער קרייץ־באַרג, בערנאַדינער גאָרטן, צו דער כּישופדיקער גרינער אָזיערע, אונדזער באַליבטע פּושקאַרניע. דאָס איז זייער אַ רייך אָטעם־פאַרכאַפנדיקע עפּאָפּייע — די געשיכטע פון לערער־סעמינאַר. אַ יוניקום — דערציערישער, פּעדאַגאָגישער, מעטאָדישער לערער־אַנשטאַלט, וואָס בעט זיך אָנגעשריבן צו ווערן.

אברהם גאָלאָמב איז געווען די נשמה פון לערער־סעמינאַר: מיט לייב און לעבן פאַראינטערעסירט אינעם וווילזיין פון די סעמינאַריסטן; גרייט צו זייער הילף מיט ראַט און טאַט. אַזוי איז ביזן היינטיקן טאָג. ער הערט זיך נישט אויף צו פאַראינטערעסירן מיט זיינע אַמאָליקע תלמידות און תלמידים. ער דערמוטיקט די לערערס, זיינע געוועזענע תלמידים, וואָס האַלטן אָן מיט אים אַ נאָענטן קאָנטאַקט.

נאָכן פאַרענדיקן זיין פרוכטבאַרע שול־אַרבעט אין מעקסיקאָ, איז חבר גאָלאָמב אַריבער צו די ברייטערע פּראָבלעמען פון יידישקייט בכלל און קיום־הפאָלק בפרט. און דאָ ליגט היינט זיין קאָפּ און האַרץ. זיין פּראָבלעם איז די אידעאָלאָגיע פון יידישן קיום, ממילא אויך פון די שולן, און פון דער גאַנצער דערציאונג.

בכלל זוכט חבר א. גאָלאָמב דעם ריכטיקן וועג צו אַן אייגענעם יידישן וועג. ניט קיין גוישן משיח. ווייל אַלע קערעווען זיי אָפּ צו יידיש בלוט. אַלע זייערע אידעאַלן פירן צו בלוט. די יידישע פילאָסאָפיע, פילט דער יובילאַר, איז ווערט מען זאָל וועגן איר שרייבן, אַ סך שרייבן. און דאָס טאַקע וואָס ער טוט, מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און אויסדויער.

און דאָך וויסן מיר איז אייער אַרבעט נישט תמיד אויסגעפלאָסטערט מיט בלומען, מיט פאַרגעניגן און אייגענע צופרידנקייט.

איר באַקלאָגט זיך אין שייכות מיט אייער שרייבן:

„וואָס טו איך אויף? קען זיין אַז גאָר נישט." „אַלץ וואָס מיר האָבן געבויט האָט דער ווינט פאַרבלאָזן."

איר מוזט אָנגיין מיט אייער גלויבן, אַז אייער אומדערמידלעכע אַרבעט אַקערט דעם באָדן. טאַקע פאַמעלעך. אָבער דער באָדן בלייבט נישט אין גאַנצן רוי.

אויך פאַר די סעמינאַריסטן פילט איר זיך אפשר שולדיק:

„אפשר האָב איך געדאַרפט נאָך אין ווילנע קערעווען די תלמידים אויף אַנדערע וועגן. פאַרוואָס האָב איך עס נישט געפילט, נישט פאַרשטאַנען, ווען איך האָב אָנגעפירט מיט יונגע מענטשן, מיט זייערע לעבנס?"!

„דערפאַר הער איך נישט אויף צו שרייבן. איך וויל איצטער זאַכן וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרפעלט. די איינציקע פאַרענטפערונג איז: איך האָב געגלייבט. געווען ערלעך מיט זיך און מיט די תלמידים. ניט גענאַרט זיי."

וועל איך ענטפערן מיט אייער אייגענעם געדאַנק און פאַרענטפערונג:

מיר, אייערע תלמידים, האָבן אויך אַזוי געגלייבט. אַנדערש וואָלטן מיר אייך ניט געהערט. מיר האָבן נישט געגרייזט און זיך נישט גענאַרט. מיר זיינען אַלע געקומען פון שטעט און שטעטלעך, פון צווישן אמתע פאָלקס־מענטשן און זייערע נויטן. מיר האָבן זייער גוט געוווּסט וואָס מיר ווילן, צו וואָס מיר גרייטן זיך גיין צוריק אין די שטעט און שטעטלעך: לערנען, אָנוואַרעמען און צוטוליען דאָס יידישע קינד; דערציען אַ דור און דורות פון געזונטע, מוטיקע יידישע קינדער פאַרן יידישן פאָלק, ווי יידן און מענטשן.

און פאַרגעסט נישט, חבר לערער, מיר האָבן שוין געקעמפט מיטן פוילישן פאַשיזם, אויב נישט פיזיש, איז גייסטיק, פסיכיש, מאָראַליש. און מיר האָבן דאָס אַלץ אַריינגענומען אין אונדזער דערציונג. מיר זיינען אין אונדזער צייט געגאַנגען אין די ריכטיקע וועגן, מיטן גרעסטן מסירת נפש פאַר פאָלק און מענטש האָבן מיר געהאָרעוועט. ווער פון אונדז האָט געטראַכט פון זיך!

געלערנט די קלאַסן. אָנגעפירט מיט קינדער־קלובן. ביינאַכט מיט קורסן פאַר דערוואַקסענע. אויפגעפירט קינדער־קאָנצערטן און קאָנצערטן פאַר דערוואַקסענע. דאָס גאַנצע שטעטל האָט מיטגעשפּילט, מיטגעאָטעמט, מיטגעלעבט.

איז דאָס אַלץ געווען אַ גרייז? אַ טעות?!

מיר זיינען געווען אין סאַמע תוך פון יידישן לעבן אין פוילן, און אַלע רדיפות, גזירות אויף אונדז האָבן מיר מיט אונדזערע קנאַפּע כוחות אָפּגעשלאָגן, אַז ס'זאָל נישט אַזוי וויי־טאָן.

מיר האָבן אַריינגעטראָגן געלעכטער, פרייד, און גלייכצייטיק באַוווּסטזיין און אויפקלערונג פונעם אַרום, פון דער אמתער לאַגע.

איך בין איבערצייגט, אַז מיר זיינען געווען די מכבים אויף די פּאָסטנס. און אָט די רעזולטאַטן פון דער גרויסער קולטור־בויערישער אַרבעט האָט די אַנטי־סעמיטישע, פאַשיסטישע פוילישע רעגירונג דערפילט און זיי גענומען ביסלעכוויַיז אונטערברעגנען.

און איצטער?!

איצטער אין אין גאַנצן אַן אַנדער ענין.

מיר געפינען זיך אין אַן אַנדערער צייט, אין אַן אַנדער עפּאָכע, וואָס איז געבוירן